*114 Invermay Avenue*
*Downsview, Ontario*
*Canada M3H 1Z8*

26.2.86

ליבער דוד קאץ,

נעכטן אין דער ביבליאטעק, שויןביים ארויס גיין, דערזע איך באנד 5 פון דער JLR מיט מיינס אן ארטיקל. ד"ל גאלד האט עס פארלאנגט פון מיר נאך אין יאר 1982. כ־האב עס באלד גישריבן און אים גישיקט. דערביי האב איך גישטעלט א תנאי, אז איך מוז זען אלע קארעקטורן און אויב ער קען נישט באשטיין אף דעם, זאל ער מיר תיכף ומיד אפ שיקן מיין ארביט.

ביזן היינטיקן טאג האב איך נישט גיזען קיין איין גיטונקטע פען פון אים.

ער האט גיהאט די חוצפא צו געבן מיין ארטיקל א נייעם נאמין, און נאך דערצו אן אומגילומפערטן. איך ווייס נישט, צי ער האט ששש גיטון נאך אנדערע זאכן, ווייל איך האב נישט גיהאט קיין צייט אריין צו קוקן אפילו א פאר מינוט. ס־קען גידויערן א היפשע צייט, ביז איך קום ווידער אין דער ביבליאטעק.

אפשר האט איר דערווייל שוין גיזען דים באנד. אויב נישט, הערט אויס: מיין ארטיקל דארטן איז "דאווינין," דאס זעלבע, וואס איך האב אייך גישיקט. נישט גיהערט פון גאלדן מער ווי דריי יאר, ששש הייסט עס ער וויל עס נישט דרוקן, און טעמו כמוס עמו. און דא זעעט איר גיקומין און גיוואלט האבן א רעפעראט. איז דאך גיווען ווי

אן גימאסטן.

איז אצינד די שאלה: ווילט איר עס דרוקן?

אויב יא, וועל איך אריין שטעלן די ווערטער

Th publication of this artcle in the JLR
was unauthorised.

זייט מיר געזונט און שטארק

אייער

שלמה בירנבאום

Air Mail Par avion

POSTES CANADA POST
27 11
1986
M4L 3T0




POSTAL CODE
CODE POSTAL

Dr.D.Katz

Oxford Centre f.P.H.St.

45 St. Giles

Oxford OX1 3LW

England